# Israelitische Kultusgemeinde Fürth

**Körperschaft des öffentlichen Rechts**

**SEPTEMBER 1986** | 8510 Fürth (Bayern), Blumenstraße 31 | **ELUL 5746**


# Nachrichten für den jüdischen Bürger Fürths




Die handkolorierten Kupferstiche von Joseph Herz stammen aus dem Buch „Hadrachat Hajeled — oder Unterricht im Lesen für die israelische Jugend von 3 bis 6 Jahren", einer Kinder-Lesefibel, die von Heiman (Chaim) Schwabacher verfaßt wurde. Sie wurde in Fürth im Jahre 1812(?) zum ersten Mal gedruckt. Weitere Neuauflagen erschienen in Fürth in den Jahren 1814, 1816 und 1824.

(Zu Joseph Herz und seiner „Fürther Megille" siehe Artikel von Hermann Süß und Dr. Dovid Katz)

# יוסף הערצעס *אסתר*
# צענטראַל־מערבֿ יידיש אין פֿירט


פֿון

דוד קאַץ

*אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס*
*און ס״ט אַנטאָניס קאָלעדזש בײַם אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט*


**אַלץ** מיני יידיש װאָס מ׳קען נאָר הערן הײַנט־צו־טאָג שטעלן מיט זיך פֿאָר נוסחאות און נוסחי־נוסחאות פֿונעם מזרחדיקן יידיש, ד״ה די יידישע שפּראַך װי זי האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אויף דער סלאַװישער און באַלטישער שפּראַך טעריטאָריע אין מזרח אייראָפּע. נאָכן חורבן הייסט דאָס דער לינגװיסטישער סך־הכּל פֿון יידיש איבער דער װעלט, אײַנגעטײלט לויט דער פֿאַרמלחמהדיקער געאָגראַפֿישער אויסשפּרייטונג. מזרח יידיש גופֿא טײלט זיך אויף דרײַ עיקרדיקע דיאַלעקטן — דרום־מזרח יידיש (פּאָפּולער „אוקרײַניש"), צענטראַל־מזרח יידיש (פּאָפּולער „פּויליש") און צפֿון־מזרח יידיש (פּאָפּולער „ליטװיש"). װען איז דאָס גערעדט געװאָרן, בײַם אַרומריידן די הײַנטצײַטיקע יידישע שפּראַך. אַז מען נעמט אָבער באַטראַכטן יידיש װי אַ היסטאָרישע גאַנצקײַט סײַ אין צײַט סײַ אין שטח, טאָר מען אויף קיין רגע ניט פֿאַרגעסן אין דער עלטערער הײַנט־אָפּגעשטאָרבענער העלפֿט פֿון יידיש, דהײַנו מערבֿ יידיש — יידיש אויף דער אייראָפּעאישער שפּראַך טעריטאָריע פֿון דײַטש, אויך צײַטנװײַז און שטחימװײַז האָלענדיש, פֿראַנצייזיש און איטאַליעניש. אויך מערבֿ יידיש טײלט זיך אויף דרײַ עיקרדיקע דיאַלעקטן (זען קאַץ 1983). דאָס זײַנען: דרום־מערבֿ יידיש (אין עלזאַס, אין דער שװייץ און אין דרום דײַטשלאַנד), צענטראַל־מערבֿ יידיש (אין צענטראַל דײַטשלאַנד) און צפֿון־מערבֿ יידיש (אין האָלאַנד און צפֿון דײַטשלאַנד). װער ס׳װיל זיך ערנסט פֿאַרטיפֿן אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער שפּראַך מוז בלית ברירה זיך אָפּגעבן מיט מערבֿ יידיש (צו מערבֿ יידיש בכלל זען װײַנרײַך 1958).

ס׳איז אָבער פֿאָלג מיך אַ גאַנג, װי אַזוי דערגרונטעװעט מען זיך צו דיאַלעקטן װאָס זײַנען שוין אויף דער װעלט מער ניטאָ? פֿאַראַן דערויף פֿאַרשיידנאַרטיקע מעטאָדאָלאָגיעס, בתּוכם דאָס אויסזוכן אין הײַנטיקן מזרחדיקן יידיש מערבֿדיקע שפּורן פֿון אַמאָל װאָס האָבן זיך על־פּי צופֿאַל אויפֿגעהיט און צװייטנס, דאָס שטודירן עלטערע כּתבֿים. די גאַנצע עלטערע יידישע ליטעראַטור, פֿונעם איינאיינציקן יידישן זאַץ אין װאָרמסער מחזור פֿון 1272 אַזש ביז מנחם מאַן אַמעלאַנדערס *שארית ישראל* אין 1743, איז געשאַפֿן געװאָרן כּמעט אין גאַנצן דורך יידן װאָס זייער לשון איז געװען יידיש אין איינעם פֿון די מערבֿדיקע גלגולים פֿון דער שפּראַך. די שפּראַך פֿון אָט די אַלע אויפֿגעהיטע מערבֿ־יידישע מאָנומענטן איז אָבער װײַט ניט די טאָגטעגלעכע שפּראַך אויף װעלכער מערבֿ אשכּנזים האָבן אַזױפֿל הונדערטער יאָרן גערעדט און געטראַכט. די װײַטקײַט פֿון דער גערעדטער שפּראַך האָט זיך גענומען צומאָל פֿון דעם װאָס מחברים האָבן זיך געסטאַרעט דערנענטערן זייערע װערק צום מוסטער פֿון דײַטש (זען קאַץ 1979: §4), צומאָל פֿונעם װאונטש אויף צו פֿאַרשפּרייטן די ביכער זייערע איבער אַלע עקן אשכּנז. פֿון אָט דעם צװייטן אויסגאַנג־פּונקט װייס מען אויף זיכער אַז שוין אין די 1540ער — ד״ה אין ערשטן יאָרצענדליק פֿון אַ פֿאַרשפּרייטן יידישן דרוק־װעזן — איז געװען בנמצא אַ מערבֿ־יידישע כּלל־שפּראַך װאָס סײַ מחברים סײַ (און אפֿשר דער עיקר) אַרויסגעבער האָבן מיט אַ כּיון „נייטראַליזירט" מען זאָל די װערק ניט באַנעמען װי אומפֿאַרשטענדלעך צי גאָר דיאַלעקטאַל־קאָמיש. די מערבֿ־יידישע כּלל־שפּראַך װאָס האָט טאַקע אויפֿגעטאָן אַ װעלט אויף צו פֿאַרזיכערן אַז די עלטערע יידישע ליטעראַטור זאָל ברייט פֿאַרשפּרייט װערן איז אין דער זעלביקער צײַט אַ שטיקל אָנשיקעניש דעם הײַנטיקן יידישן פֿילאָלאָג. אויב די װערק האָבן בכלל ניט אָפּגעשפּיגלט דאָס גערעדטע לשון, טאָ װי אַזוי גיט מען זיך אַן עצה בײַם באַקענען זיך נעענטער מיט דעם פֿאַרשטאָרבענעם עלטערן צװײַג פֿונעם הײַנטיקן יידיש? אויף דעם זײַנען פֿאַראַן אַ צאָל סגולות. ראשית כּל האָבן זיך דערהיט אַ רײ ניט־ליטעראַרישע דאָקומענטן װאָס שפּיגלען בעסער אָפּ מערבֿ יידיש שבעל־פּה, צום בײַשפּיל פּערזענלעכע בריװ (זען אַשטײַגער בײַ גינסבערגן, 1933; בײַ בירנבוימען 1939), גבֿית־עדותן בײַ דין־תּורהס (זען רובאַשאָװ 1929) און קרימינאַלאָגישע מקורות (זען קאַץ 1981). צװייטנס האָט מען צו דער האַנט אַ גרעסערע צאָל װערטערביכער און לערן־ביכלעך אויף דײַטש פֿונעם 18טן יאָרהונדערט װאָס זײַנען נעװידמעט דער גערעדטער שפּראַך (זען קאַץ 1986). דריטנס זײַנען דאָ די עטלעכע דראַמעס, געשריבענע סוף 18טן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט װאו דאָס טאָגטעגלעכע מערבֿ יידיש מיט אַלע זײַנע פֿאָלקסטימלעכע חנען װערט באַנוצט ניט־צוריקגעהאַלטנערהייט. די אָ װערק האָבן גראָד אָנגעשריבן אָנהענגער פֿון מענדעלסאָנס בערלינער השׂכּלה װאָס האָט דאָך כּידוע געקעמפֿט מיט אַלע כּוחות פּטור צו װערן פֿונעם „מיאוסן זשאַרגאָן". װי ס׳האָט זיך אָבער אַזוי פֿיל מאָל פֿאַרלאָפֿן אין דער געשיכטע פֿון יידיש האָט דער פּועל יוצא געהאַט אין זיך בלעמדיקס — פֿון די באַמיאונגען אויסצולאַכן יידיש לאָזן זיך אַרויס װאָגיקע װערק געשריבענע אויף יידיש װאָס באַװײַזן דערצו אויפֿצוהיטן לדורות די שמועס־שפּראַך פֿון מערבֿ אשכּנזים פֿון אַ גאַנץ יאָר. די װיכטיקסטע השׂכּלה־קאָמעדיעס זײַנען איציק אייכלס ל *רעגאַך אדער*



ויהי ביום השלישי בהית הבוקר ויהי קולות וברקים וענן כבד על ההר
וקול השופר חזק מאוד ויחרד כל העם אשר במחנה: שמות יט. טז

*Kupferstich von Joseph Herz (verkleinert)*
*(aus Machsor für Schawuoth, Sulzbach 1826)*

*מאַס טוט מע דאָמיט* (1793-1792; איבערגעדרוקט בײַ זלמן רייזענען 1930: 146-94), אהרן האַללע וואָלפֿסזאָהנס *לײַכטזין אונד פֿרעממעלײַא* (1796; איבערגעדרוקט בײַ זלמן רייזענען, 1923: 37-68), און — *אסתר, אָדער די בעלאָהנטע טוגענד*. אָט אָ דאָ שטעלן מיר זיך טאַקע אָפּ אויפֿן יידיש פֿון אָט דער לעצט־דערמאָנטער השכלה־דראַמע, וואָס ס׳האָט אָנגעשריבן דער גאָר טשעקאַווער פֿירטער קינסטלער און קופּער־גראַווירער, קונסט־לערער און קאַליגראַף יוסף הערץ (1776-1828). *אסתר* איז אַ השכלה־קאָמעדיע וואָס וואַקסט פֿאָרט פֿון דער אוראַלטער פּורים־שפּיל טראַדיציע. דער בכיוונדיקער אַנאַכראָניזם, דער עיקר בײַם אַרײַנפֿירן דעם לאָקאַלן מערבֿ־יידישן דיאַלעקט אין די מײַלער פֿון די אײַנוואוינער פֿונעם אמאָליקן שושן הבירה, איז אַ צענטראַלער מיטל אויף צו פֿאַרזיכערן אַז דער עולם וועט צעזעצט ווערן לאַכנדיק.

יוסף הערצעס *אסתר* איז צוערשט דערשינען אין פֿירט אין 1828 מיט אָט דעם נוסח שער־בלאַט: „אסתר. אָדער דיא בעלאָהנטע טוגענד. אײנע פּאָזע, אין פֿיער אבשניטטען, אין יידיש־דײַטשער מונדאַרט. פֿאָן יוסף הערץ. פֿיורדא. בשנת תקפ״ח לפ״ק. געדרוקט בײא משה צירנדאָרפֿער. מיט אײגענהענדיג געפֿערטיגטען שריפֿטען״. צום צווייטן מאָל איז *אסתר* דערשינען אין 1854 מיט אַ לפּי־ערך ענלעכן שער־בלאַט, מערניט מיטן צוגאָב „נעבזט אײניגען נאָך ניכט געדרוקקטען געדיכטען״. און אויף דײַטש: .Zweite vermehrte Auflage צווישן די הוספֿות געפֿינט זיך (זז׳ 100-114) הערצעס מערבֿ־יידישע




וישחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים זבח פסח הוא לה׳:

*Kupferstich von Joseph Herz (verkleinert)*
*(aus Machsor für Pessach, Sulzbach 1826)*

באַאַרבעטונג פֿון שילערס Das Lied von der Glocke א״ט „דאַז ליעד פֿאָן דער מצה. נאַך דער גלאָקקע פֿ. שילללער״. אין 1871 איז *אסתר* אַרויס אַ דריט מאָל, ווײַטער אין פֿירט. נאָר וואָדען, דאָס מאָל מיט דײַטשישער שריפֿט און באַמערקונגען פֿאַר לייענער וואָס זייערע ידיעות אין מערבֿ יידיש האָבן שוין היפּש אונטערגעהונקען. אויפֿן שער־בלאַט שטייט: Esther oder die belohnte Tugend. Eine Posse in vier Abschnitten Nebst einigen Gedichten vermischten Inhalts in judischem Dialekt von Joseph Herz. Vom Hebraisch-Deutschen ins Deutsche ubetragen und mit Anmerkungen versehen von J. Suhler. די צווייטע יידיש־יידישע אויסגאַבע, פֿירט 1854, האָט זוכה געווען צו צוויי פֿאָטאָמעכאַנישע איבערדרוקן פֿון פֿאָרשונג־וועגן — בײַ קאָפּלאַנדן (1951, נאָכן סוף פֿון דער נומערירונג פֿון די זײַטלעך) אין זײַן האַרוואַרדער דיסערטאַציע מיטן צוגאָב פֿון זײַן אייגענער לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע, און אין אײנעם מיט אַן ענלעכער טראַנסקריפּציע איז די אויסגאַבע פֿירט 1854 ווידער פֿאָטאָמעכאַניש אַרויסגעגעבן געוואָרן בײַ קאָפּלאַנד און זיסקינד (1976: 1-92). די בעסטע טראַנסקריפּציע איז זולערס (1871), ער האָט די שפּראַך געקענט פֿון דער נאָענט. וועגן הערצן און זײַן *אסתר* האָבן געשריבן, צווישן אַנדערע, לעווענשטײַן (1911: 111-112), גרונוואַלד (1913), רייזען (1926: 870-872), מאַרטין (1977), שמערוק (1978: 167-169), ע. קאַץ (1983) און זיס (1984-1985).

אַדאַנק יוסף הערצן איז אויפֿגעהיט געוואָרן אַן אוצר פֿונעם לעבעדיק־שפּרודלדיקן צענטראַל־מערבֿ יידיש ווי ס׳איז אין פֿירט גערעדט געוואָרן סוף 18טן יאָרהונדערט און אין אַ געוויסער מאָס ביז אין 19טן יאָרהונדערט אַרײַן. קוקנדיק פֿון הײַנטצײַטיקן יידיש איז דאָס גאָר אַן עקזאָטישער מין יידיש. אײן זאַך אָבער יאָ — באַלד ווי מ׳נעמט סיסטעמאַטיש פֿאַרגלײַכן הערצעס יידיש מיט אַנדערע יידישע דיאַלעקטן זעט מען באַשײַמפּערלעך אַז די צווישן־שײַכותן זײַנען כסדרדיק־אויסגעהאַלטענע און מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ניט־צו־ווײַטן קרובֿ פֿון די מער באַקאַנטע נוסחאות יידיש.

דער ערשטער און בולטסטער סימן אינעם וואָקאַליזם פֿון אַלע מערבֿ־יידישע דיאַלעקטן איז דער לאַנגער אַ — ā — וואָס ענטפֿערט סײַ אויפֿן מיטלהויכדײַטשישן ou (דער טיפּ לויפֿן, קויפֿן — lāfn, kāfn; מה״ד loufen, koufen) סײַ אויפֿן מיטלהויכדײַטשישן ei (דער טיפּ פֿלייש, קלייד — flāš, klād; מה״ד vleisch, kleit). אין אונדזער מזרחדיקן יידיש זײַנען דאָך די בײדע בדרך כלל פֿאַר זיך — דרום־מזרח יידיש lɔjfn, kɔjfn כנגד flejš, klejd ‖ צענטראַל־מזרח יידיש lɔjfn, kɔjfn כנגד flajš, klajd. נאָר אין צפֿון־מזרח יידיש איז צופֿעליק אויך דאָ אַ צונויפֿפֿאַל, נאָר אין ej — lejfn, kejfn אין אײנעם מיט flejš, klejd. אָט געפֿינען מיר בײַ הערצן די כאַראַקטעריסטישע מערבֿ־יידישע ā וואָקאַלן (זײַטלעך ווערן אומעטום אָנגעגעבן לויט דער ערשטער אויסגאַבע פֿון 1828; אונדזער אונטערשטרײַכונג אומעטום).

ליעבע מאַמזעל! דאַז איז איהר אָבער אהנער.

אין האַללעם עולם גיטס געוויהס זוי קאהנער (ז׳ 81)

ניט נאָר „אײנער״ און „קײנער״ האָבן דעם ā, אויך טײל פֿון דער סעריע וואו דאָס מאָדערנע יידיש האָט דרום־מזרח און צענטראַל־מזרח יידיש u (אָדער ū) ‖ צפֿון־מזרח ɔ (למשל „זאָגן״. „טראָגן״) ווײַזן אַרויס דעם ā, ד״ה די ענטפֿערער פֿונעם לכתחילה קורצן מיטל־הויכדײַטשישן a, להיפּוך צום לכתחילה לאַנגן מיטל־הויכדײַטשישן â (אין אַזעלכע ווערטער ווי „אָוונט״. „נאָדל״) וואָס טרעפֿט זיך קײַלעכדיק איבער גאַנץ יידיש. אין מערבֿ יידיש — ɔ, ɔu אָדער ū. דערפֿאַר למשל איז צום געפֿינען אָט אַזאַ מין גראַם —

זיא אַרוועט יוי נעביך. דיהן גאַנצען טאַג!

דיר איז אָבער נאָר אַ דאָרן אין אהג (ז׳ 14)

דער ā אין „טאָג״ איז אַ בולטער סימן פֿון די דרומדיקע דיאַלעקטן פֿון

מערבֿ ייִדיש; מער צו צפֿון צו, אַשטייגער אין האָלענדישן ייִדיש, איז דער וואָקאַל צוזאַמענגעפֿאַלן מיטן לכתחילה לאַנגן וואָקאַל, פּונקט אַזוי ווי אין מיזרחדיקן ייִדיש. איבער גאַנץ מיזרח ייִדיש זײַנען די ענטפֿערער פֿונעם לכתחילה לאַנגן מיטל־הויכֿדײַטשישן â און פֿונעם קורצן a וואָס איז געלעגנט געוואָרן אין גאַנצן צוזאַמענגעפֿאַלן.

אָט די אָ שטריכֿן בײַ די דרומדיקע וואַריאַנטן פֿון מערבֿ ייִדיש זײַנען גוט באַקאַנט דער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע. בײַ יוסף הערצן לערנען מיר זיך אָבער אָן אַ שיעור ווינציק וואָס באַקאַנטע שטריכֿן פֿונעם דיאַלעקט. למשל, דאָרט וואו צענטראַל־מזרח ייִדיש און דרום־מזרח ייִדיש ווײַזן אַרויס דעם u (אָדער ū) וואָס ענטפֿערט אויפֿן ליטווישן ɔ אין ווערטער מיט אַ לכתחילה לאַנגן וואָקאַל, האָט הערץ אויך ū, פּונקט ווי אין „פּוילישן" ייִדיש, למשל:

אויף די קעפּ שטעלן זיך דאָך אין גאַנץ שושן.

איבער דער טאָכטער איהר גאַנג, און איהר — לשון? (ז' 13)

דער גראַם ווײַזט קלאָר אָן אַז דער ū אין „שושן" איז געבליבן ū ווי אין סתם מערבֿ ייִדיש, בעת דער באַקאַנטער לאַנגער ō אין „לשון" (בדרך כּלל מערבֿ ייִדיש lōšn) איז מיט אים צוזאַמענגעפֿאַלן אין אַן אײנאײנציקן ū, דערפֿאַר — lūšn. דאָס אײגענע האָט זיך פֿאַרלאָפֿן בײַ די פֿאָדערשטע וואָקאַלן: דער לאַנגער מערבֿ־ייִדישער ē (אין אַזעלכע ווערטער ווי „בגד", „רעגן" וואו מזרח ייִדיש האָט דרום־מזרח ej אָדער ī ‖ צענטראַל־מזרח ej ‖ צפֿון־מזרח ɛ) באַווײַזט זיך גאָר ווי אַן ī. בלויז אויף אַזאַ אופֿן קענען זיך גראַמען „ייִד" (מערבֿ ייִדיש jīt) און „שפּעט" (בדרך כּלל מערבֿ ייִדיש špēt אָבער בײַ הערצן — špīt).

אחשורוש פֿרויגט: וואַאז טוסטו דרונטען נאָך זוי שפּיהט,

„איך בוי נאָר אַ גאַלינג, פֿופֿציג איהלן הויך, פֿאָר אַ ייִד" (ז' 78)

פֿון דעם אַלעמען איז געדרונגען אַז אין פֿירטער ייִדיש זײַנען די ווערטער „חתן", „כּבוד", „בלאָזן", „נאָדל" וכו' אַרויסגערעדט געוואָרן מיט אַן ū, טאַקע אַזוי ווי אין מאָדערנעם צענטראַל־מזרח ייִדיש (לאָזנדיק דאָ אָן אַ זײַט די פֿאַרקירצונג פֿונעם ū פֿאַר וועלאַרע און לאַביאַלע קאָנסאָנאַנטן — בירנבוימס געזעץ). אַנאַלאָגיש האָבן „לעבן", „שפּעט", „בגד", „חסד" וכו' אַ לאַנגן ī אין פֿירטער ייִדיש, טאַקע אַזוי ווי בײַ די מיזרחדיקע „ייִדן וואָס ריידן אויפֿן חיריק" אין דער אוקראַיִנע. ס'איז צופֿעליק וואָס ביידע טעריטאָריעס — איינע אין מזרח איינע אין מערבֿ, ווײַזן אַרויס טייל־ווײַז־געגליכֿענע וואָקאַלן.

קאָפּלאַנד און זיסקינד (1976), אינעם קאָמענטאַר וואָס באַגלייט דעם איבערדרוק זייערן פֿון דער צווייטער אויפֿלאַגע פֿון הערצעס דראַמע (1854), האַלטן אָט אָ די און אַ סך אַנדערע עקזאָטישע שטריכֿן אין הערצעס ייִדיש פֿאַר בכּיוונדיקע פֿאַרדרייעניש פֿון מערב ייִדיש פֿון הומאָר־וועגן מצד דעם מחבר (למשל זז' ix, x, 109, 114, 116, 127, 133, 196). קאָפּלאַנדן און זיסקינדן קומט אונדזער אַלעמענס האַרציקסטער יישר־כּוח סײַ פֿאַרן עצם איבערדרוק וואָס האָט דאָך אַזויפֿל געפּועלט אויף צו דערוועקן אינטערעס צו אָט דער השכּלה־קאָמעדיע סײַ פֿאַר אָן אַ שיעור געלונגענע פּירושים. מיט זייער אופֿן באַנעמען מערבֿ ייִדיש בכּלל (זז' x, 101) און הערצעס ייִדיש בפֿרט (ז' 109), זײַנען מיר אָבער פּרינציפּיעל מחולק. מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ על רגל אחת אויפֿן צווייטן ענין. אַחדאי וואָלט דער פֿאָלקסטימלעכֿער דיאַלעקט וואָס איז אפֿשר קיין מאָל פֿריער ניט אויפֿגעשריבן געוואָרן, אַרויסגערופֿן געלעכֿטער בײַם עולם, בפֿרט נאָך ווען ער ווערט באַנוצט אויסער זײַן נאָרמאַלן קאָנטעקסט — אויף דער בינע שטעלנדיק פֿאָר אַלט־פּערסיע; דערצו נאָך איז יעדע שפּראַך וואָס מען רעדט אויף איר שוין ווייניק (אַשטייגער מערבֿ ייִדיש אין 19טן יאָרהונדערט) עלול אַרויסצורופֿן געלעכֿטער (וועגן מערב ייִדיש אין דעם פּרט זען א. ווײַנרײַך 1964: 251). אַזאַ מין שפּראַך־הומאָר איז אָבער פֿאָרט אַ ווײַטער מהלך פֿון אויסטראַכֿטן וואָקאַלן פֿון דער הפֿטורה אַרויס, ווי ס'האַלטן קאָפּלאַנד און זיסקינד. ווי אַזוי זשע דערגייט מען די זאַך? אויף עטלעכֿע אופֿנים, ואלו הן:

ערשטנס דאַרף מען באַנעמען דעם מהות פֿון די שטריכֿן וואָס זײַנען מוטל בספֿק בכדי צו דערגיין צי זיי זײַנען אמתע צי אויסגעטראַכֿטע. פֿילאָלאָגן איז גוט באַקאַנט אַז בײַטן אין אַ סיסטעם וואָקאַלן זײַנען נוטה צו סימעטריע — אַ געוויסער בײַט (צי הייבונג צי פֿאַרנידערונג צי מאָנאָפֿטאָנגירונג צי דיפֿטאָנגירונג) טרעפֿט זיך בדרך כּלל פּאַראַלעל סײַ בײַ די פֿאָדערשטע וואָקאַלן סײַ בײַ די הינטערשטע. די קלאַנגיקע בײַטן וואָס פֿירן פֿון מערבֿ ייִדיש סתם ביז הערצעס ייִדיש זײַנען שטרענג סימעטריש. זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ המשך פֿון בײַטן וואָס האָבן זיך פֿאַרלאָפֿן אין צענטראַל־מערבֿ ייִדיש בכּלל. די אַלטע דיפֿטאָנגען זײַנען כּידוע מאָנאָפֿטאָנגירט געוואָרן אין צענטראַל־מערבֿ ייִדיש (פֿונעם ej איז געוואָרן ē אין אַזעלכֿע ווערטער ווי „בהמה" בעת פֿונעם ɔu איז געוואָרן ō אין אַזעלכֿע ווערטער ווי „שומר"). האָבן די סעריעס מיט די אַלטע לאַנגע וואָקאַלן ē און ō „פּליטה געמאַכֿט" אויף אויסצומײַדן אַ צונויפֿפֿאַל. זיי האָבן זיך „אַ הייב געטאָן" אויף ī און ū. די סימעטרישע אַנטוויקלונגען ווערן אילוסטרירט אין אָט דער טאַבעלע:

**יוסף הערצעס וואָקאַליזם: דיאַגראַמע**




מילד גערעדט לייגט זיך עס ניט אויפֿן שכל אַז דער קופּער־גראַווירער זאָל אָנהייב 19טן יאָרהונדערט אויספֿאַנטאַזירן קלאַנגען וואָס זײַנען, באַנומען צוזאַמען, לחלוטין בהסכּם מיט פּרינציפּן פֿון קלאַנגען־בײַט וואָס זײַנען ערשט פֿאָרמולירט געוואָרן מיט העכֿער הונדערט יאָר שפּעטער.

צו אָט דעם טעאָרעטישן הכשר אויף דער וואָרהאַפֿטיקײַט פֿונעם פֿירטער ייִדישן וואָקאַליזם אין הערצעס *אסתּר* זײַנען נאָך דאָ אַנדערע מעטאָדאָלאָגישע מכשירים מיט וועלכֿע דער ייִדישער פֿילאָלאָג קאָן זיך אַן עצה געבן. צי זײַנען די קאָנטראָווערסיעלע שטריכֿן בנמצא אַנדערשוואו, ד"ה צי איז דאָ אַ ראיה מבחוץ אויף הערצעס וואָקאַליזם? דער ענטפֿער איז יאָ מיט אַן אַלף. דער ī אָנשטאָט ē אין צענטראַל־מערבֿ ייִדיש ווערט בפֿירוש דערמאָנט ווי אַ פֿענאָמען פֿון ייִדיש בײַ קריזאַנדערן (1750: 4) און בײַ רייצענשטיינען (1764: [218]). סײַ דער ī אָנשטאָט ē סײַ דער ū אָנשטאָט ō ווערן דאָקומענטירט מאַסנווײַז בײַם שונד־שרײַבער איציק פֿײַטעל שטערן, אַשטייגער ⟨giegen⟩ אויף „קעגן" (1833א: 105), ⟨spiet⟩ אויף „שפּעט" (1833ב: 27), ⟨Barnuse⟩ אויף „פּרנסה" (1833א: 124), ⟨Chusen⟩ אויף „חתן" (1833ב: 112). אַחוץ דעם אַלעמען זײַנען דאָ אַקטועלע פּאַראַלעלן אין דײַטשישע דיאַלעקטן אין פֿירטער געגנט (זען זיס 1984-1985: 17).

ניט נאָר די קלאַנגען פֿון אַמאָליקן פֿירטער ייִדיש זײַנען אַן אוצר פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט. הערצעס לשון שפּרודלט דורכֿויס מיטן לאַנג־אויסגעלאָשענעם לעבעדיקן פֿאָלקס־מקור פֿונעם אַמאָליקן מערבֿ אַשכּנזי. אַן אויסשעפּיקער אַנאַליז וועט באַרײַכֿערן אַלע געביטן פֿון דער היסטאָרישער ייִדישער לינגוויסטיק — מאָרפֿאָלאָגיע, סינטאַקס, עטימאָלאָגיע, לעקסיק און נאָך. אויפֿן סאַמע שפּיץ מעסער: מעטאַנאַליז פֿונעם n אין אומבאַשטימטן אַרטיקל, וואָס טרעפֿט זיך אין מיזרח ייִדיש אין „אַ גוטן אָוונט" [agut nɔ́vnt \ agit núvnt] איז אויסגעהאַלטן בײַ הערצן, לפּחות ווי אַ פּאָטענטישער פּרינציפּ בײַ דער אײַנטיילונג פֿון טראַפֿן, למשל ⟨אַהן נאַהגענבליק⟩ „אַן אויגנבליק" (ז'



וכפר את מקדש הקדש ואת אהל מועד ואת המזבח יכפר ועל הכהנים ועל כל עם הקהל יכפר:

*Kupferstich von Joseph Herz (verkleinert)*
*(aus Machsor für Jom Kippur, Sulzbach 1826)*

19), ⟨אַ נאַלטער⟩ „אַן אַלטער" (זז 61, 83), ⟨אַ נאַפּעציהר⟩ „אַן אָפּיציר" (ז 37), ⟨חעלט איהר אויז מיר מאַכֿען אַ נענגלישען רייטער?⟩ ד"ה „אַן ענגלישן" (ז 64). די סיסטעם דימינוטיוויזאַציע בײַ הערצן פֿאָדערט אַ פּרט־שטודיע; דאָ חעלן מוזן קלעקן עטלעכֿע דוגמאות: ⟨בריידערלע⟩ (ז 50), ⟨חיית־לע⟩ (ז 67), ⟨חצופה־לע⟩ (ז 40), ⟨מאָדלע⟩ (ז 47), ⟨פּנים־ליך⟩ (ז 36), ⟨תכֿשיט־לע⟩ (ז 78). אינטערעסאַנט איז אויך די אויטאָמאַטיש־אָרגאַנישע פֿאַריידישונג פֿון אינטערנאַציאָנאַליזמען, אַשטייגער ⟨ביבליטיהקען⟩ (ד"ה biblitíkn מיט הערצעס לאַנגן i) אויף „ביבליאָטעקן" (ז 22), ⟨פֿראַנצעש⟩ אויף „פֿראַנצייזיש" (ז 49). אַ סבֿרא אַז חיכֿטיקער פֿון אלץ זײַנען נאָר די נעגליכֿנקײַטן צחישן אונדזער מאָדערנעם מזרחדיקן יידיש און דעם אַמאָליקן טאָגטעגלעכֿן מערבֿ יידיש צו חעלכֿן יוסף הערץ עפֿנט אונדז ברייט אויף די טירן. אָט די ענלעכֿקײַטן, סײַ געגויע סײַ סטרוקטורעלע, חײַזן אָן בולט אויף דער גאָר נאָענטער קרובֿהשאַפֿט צחישן אַלע מיני יידיש פֿון אַלע עקן אשכנז, אַ ראיה אויף דעם אַז אַ גאָר גרויסער חלק פֿון די אַלע יידישע דיאַלעקטן שטאַמט געגעטיש דירעקט פֿונעם עלטסטן יידיש אין אַלט־אַשכנז מיט טויזנט יאָר צוריק. אינעם אוצר פֿאָלקסטימלעכֿע אויסדרוקן איז צום טרעפֿן — חידער אויפֿן שפּיץ מעסער — ⟨בלייבט מיר אָבער קשה⟩ (ז 60), ⟨גראָביאַהן⟩ (ז 68), ⟨חוצפה־ליהדליך⟩ (ז 25), ⟨חן־גריהבלע⟩ (ז 59), ⟨חנוכה־אייזען⟩ „חנוכה־מנורה" (ז 91), ⟨יום טובֿ־טיק⟩ „יום־טובֿדיק" (ז 38). די סעריע צעטומלעניש־חערטער אין ⟨דאַס חאַטט זיין אַ געפּלאַפּטער! אַ גשנאַטטער! אַ געבלויטער, אַ געטאַטטער! אַ געלאַף! אַ געחיממעל! אַ געלאַרמע! אַ געטימעלו!⟩ (ז 7) דערמאָנט מער חי אַ ביסל אין די מזרח־יידישע נוסחאות חאָס שלום־עליכֿם האָט אַזוי טאַלענטפֿול פֿאַרנאָטירט.

חעגן ליטעראַרישן חערט פֿון הערצעס *אסתּר* זײַנען כּידוע פֿאַראַן בולטע חילוקי־דעות. קאָפּלאַנד און זיסקינד (1976: ix) האַלטן הערצן פֿאַר אַ „ליטעראַרישן גאָניע" בעת יאָפֿע (1954: 113) חערט חײַניקער נתפּעל. זיכֿער חי גאָלד איז אָבער אַז הערצעס יידיש איז אַ גחאַלדיקער אוצר. ריכֿטיק איז זלמן רייזען (1926: 871-872) אַז *אסתּר* איז אַ „דענקמאָל פֿון דעם בייערישן יידיש, ספּעציעל פֿון פֿירט, דער דאָזיקער אַלטער חשובֿער יידישער קהילה אין דרום דײַטשלאַנד מיט איר ספּעציפֿישן דיאַלעקט, חאָס הערץ גיט אַזוי געטרײַ איבער".

---

ס'איז מיר אַ פֿאַרגעניגן זאָגן אַ האַרציקן דאַנק הערמאַן זיס (פֿירסטנפעלדבריק בײַ מינכֿן) און ראובֿן ראָזענפעלד (ציריך) ראשית כּל פֿאַר דער פֿאַרבעטונג זיך צו באַטייליקן אין די פֿירטער *נאָכֿדיכֿטן*, והשנית פֿאַר זייער פֿרײַנדלעכֿקײַט און ברייטהאַרציקײַט ווי תּמיד בײַם פֿאַרזאָרגן פֿאָטאָקאָפּיעס פֿון אַ גאָר גרויסן חלק פֿון די מאַטעריאַלן וואָס ווערן דאָ באַנוצט. קלמן האָטאָן (אָסטין, טעקסאַס) האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מי פֿאָטאָקאָפּירן פֿון מײַנעטוועגן מאַטעריאַלן אין ניו־יאָרק צום איצטיקן אַרטיקל. אַלע דרײַ חבֿרים־קאָלעגן אַ יישר־כּוח.

## ביבליאָגראַפֿישע רשימה


בירנבוים, שלמה

1939 „דאָס עלטסטע בריחל אויף יידיש" אין ליסקי, סידאָ און שטענצל 1939: 106-109.

בעש און אַנדערע

1983 Besch, W. & Knoop, U. & Putschke, W. & Wiegand, H. E., *Dialektologie. Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung*. Walter de Gruyter: Berlin & New York.

גינסבערג, דוד

1938 „פּריחאַטע יידישע בריוו פֿונעם יאָר 1533" אין *ייחאָ בלעטער* (חילנע) 13: 325-344.

געלבער, מ.

1986 Mark Gelber, ed., *To Honor Sol Liptzin*. Peter Lang: Bern.

גרונחאַלד, מ.

1913 M. Grunwald, "Die Further Megilla", *Mitteilungen zur judischen Volkskunde* 16.2 (46): 1-13.

חײַנרײַך, אוריאל

1954 Uriel Weinreich, ed., *The Field of Yiddish. Studies in Yiddish Language, Folklore, and Literature.* Published on the Occasion of the Bicentennial of Columbia University [= Publications of the Linguistic Circle of New York, III].

1964 "Western Traits in Transcarpathian Yiddish" in *For Max Weinreich on his Seventieth Birthday* (Mouton: The Hague) 245-264.

חײַנרײַך, מאַקס

1958 „ראשי־פּרקים וועגן מערבֿדיקן יידיש" אין מאַרק 1958: 158-194.

זיס, הערמאַן

1985-1984 Hermann Suss, "Die 'Further Megille' von Josef Herz", *Nachrichten fur den judischen Burger Furths* 1984: 13-17; 1985: 9-12.

טשעריקאָחער, א.

1929 רעדאַקטאָר, *היסטאָרישע שריפֿטן* [פֿון ייחאָ], I. קולטור־ליגע: חאַרשע.

יאָפֿע, יודאַ אַ.

1954 Judah A. Joffe, "Dating the Origin of Yiddish Dialects", U. Weinreich 1954: 102-121.

ליסקי, י. א. און סידאָ, נ. מ. און שטענצל, א. נ.

1939 רעדאַקטאָרן, *יידיש לאָנדאָן*, II. יידישע קולטור געזעלשאַפֿט „איקוף": לאָנדאָן.

לעווענשטיין, ל.

1911 "Zur Geschichte der Juden in Furth", *Jahrbuch der Judisch-Literarischen Gesellschaft* 8: 65-213.

מאַרטין, ב.

1977 [רעצענזיע איבער קאָפּלאַנד און זיסקינד 1976] אין *CCAR Journal* (Autumn) 112-113.

מאַרק, יודל

1958 רעדאַקטאָר, *יודאַ אַ. יאָפֿע בוך*. ייִוואָ: ניו־יאָרק.

קאָפּלאַנד, ר. מ.

1951 Robert Melvin Copeland, *The Language of Herz's Esther. A Study in Judeo-German [sic] Dialectology*. Department of GermanicLanguages and Literatures. Hervard University.

קאָפּלאַנד און זיסקינד

1976 Robert M. Copeland & Nathan Susskind, *The Language of Herz's Esther: A Study in Judeo-German [sic] Dialectology*. University of Alabama Press: University [Alabama].

קאַץ, דוד

1979 „דער סעמיטישער חלק אין יידיש. אַ ירושה פֿון קדמונים: מעטאָדן און מעגלעכקייטן". רעפֿעראַט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור בײַם אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס, 6-9 אויגוסט.

1981 „יידיש און די סודותדיקע שפּראַכן: די מקורות און וואָס זיי לאָזן אונדז הערן". רעפֿעראַט אויפֿן אַכטן וועלט קאָנגרעס פֿאַר יידישע שטודיעס בײַם העברעאישן אוניווערסיטעט, ירושלים.

1983 Dovid Katz, "Zur Dialektologie des Jiddischen" in Besch et al 1983: 1018-1041.

1986 "Five Hundred Years of Yiddish Scholarship" in Gelber 1986.

קאַץ, עליע

1983 [רעצענזיע איבער קאָפּלאַנד און זיסקינד 1976] אין *Yiddish* (New York) 5.2-3: 265-269.

קריזאַנדער, וו. ק. י.

1750 Wilhelm Christian Just Chrysander, Judisch-Teutsche *Grammatick*. Johann Chjristoph Meisner: Leipzig & Wolfenbuttel.

רובאַשאָוו, זלמן

1929 „יידישע גבֿית־עדותֿ אין די שאלותֿ־ותשובֿותֿ פֿון אָנהייב XVII יאָרהונדערט אין טשעריקאָווער 1929: 115-196.

רייזען, זלמן

1923 *פֿון מענדעלסאָן ביז מענדעלע. האַנטבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער השכּלה־ליטעראַטור מיט רעפּראָדוקציעס און בילדער*, I. קולטור ליגע: וואַרשע.

1926 *לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע. צווייטע אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע פֿאַרמערטע און פֿאַרפֿולשטענדיקטע אויסגאַבע.* ערשטער באַנד (א—י). ב.א. קלעצקין: ווילנע.

1930 „די מאַנוסקריפּטן און דרוקן פֿון איציק אײַכלעס 'ר' הענאָך'" אין שאַצקי 1930: 85-146.

רייצענשטיין, וו. ע.

1764 Wolf Ehrenfried von Reizenstein, *Der vollkommene Pferde-Kenner*. Joh. Simon Meyer: Uffenheim.

שאַצקי, יעקבֿ

1930 *אַרכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער און דראַמע* I. יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט. טעאַטער־מוזיי א"נ פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקי: ווילנע און ניו־יאָרק.

שטערן, א. פֿ.

1833א I. F. Stern, *Die Linke Massematten der houchlobiche Judenschaft*. F. W. Goedsche: Meissen.

1833ב *Israels Verkehr und Geist*. F. W. Goedsche: Meissen.

שמערוק, חנא

1978 *ספרות יידיש. פרקים לתולדותיה* [= ספרות, משמעות, תרבות 5]. המכון הישראלי לפואטיקה ולסמיוטיקה ע"ש פורטר בהוצאת מפעלים אוניברסיטאיים להוצאה לאור: תל אביב.


# Josef Herzens *Esther* Zentral-Westjiddisch in Fürth


von Dovid Katz, Oxford Center for Postgraduate Hebrew Studies und St Anthony's College, Oxford.


(Aus dem Jiddischen übersetzt von H. Süß)

Bei allen Arten von Jiddisch, die man heute noch hören kann, handelt es sich um den Wortlaut und die Formen des Ostjiddischen, d. h. um die jiddische Sprache, die sich im slawischen und baltischen Sprachgebiet in Osteuropa herauskristallisiert hat. Nach dem Holocaust bedeutet das linguistisch die Gesamtheit von Jiddisch, verteilt über die Welt, aber klassifiziert nach der geographischen Ausbreitung der Vorkriegszeit. Ostjiddisch selbst teilt sich in drei Hauptdialekte — Süd-Ostjiddisch (volkstümlich ,,Ukrainisch''), Zentral-Ostjiddisch (volkstümlich ,,Polnisch''), und Nord-Ostjiddisch (volkstümlich ,,Litauisch''). Immer handelt es sich um dies, wenn man über die heutige jiddische Sprache redet. Betrachtet man Jiddisch aber in seiner geschichtlichen Gesamtheit, sowohl zeitlich, wie auch örtlich, darf man auf keinen Fall die ältere, heute erloschene Hälfte von Jiddisch vergessen, nämlich Westjiddisch — das Jiddisch im europäischen deutschen Sprachgebiet, auch zeit- und gebietsweise im holländischen, französischen und italienischen. Westjiddisch ebenfalls teilt sich in drei Hauptdialekte (s. Katz 1983). Es sind dies: Süd-Westjiddisch (im Elsaß, in der Schweiz und in Süddeutschland), Zentral-Westjiddisch (in Mitteldeutschland) und Nord-Westjiddisch (in Holland und Norddeutschland). Wer sich ernsthaft in die Geschichte der jiddischen Sprache vertiefen will, muß sich notgedrungen mit Westjiddisch befassen (wegen Westjiddisch im allgemeinen s. Weinreich 1958).

Wie bewerkstelligt man die nicht gerade leichte Aufgabe,

Dialekte zu ergründen, die nicht mehr vorhanden sind? Es gibt dafür verschiedene Methoden: einmal das Durchforschen des heutigen östlichen Jiddisch auf Spuren des ehemaligen westlichen, die sich zufällig dort erhalten haben, und zweitens das Studium von alten Handschriften. Die ganze ältere jiddische Literatur, von dem allereinzigen jiddischen Satz im Wormser *Machsor* von 1272 bis hin zu Menachem Man Amelanders *Scherith Israel* von 1743, wurde geschaffen durch Juden, deren Sprache jeweils eine der Formen des westlichen Jiddisch gewesen ist. Die Sprache von all diesen übriggebliebenen westjiddischen Denkmälern ist aber bei weitem nicht die alltägliche Sprache gewesen, in der die West-Aschkenasim so viele Jahrhunderte hindurch geredet und gedacht haben. Der Umfang dieser Sprache hat sich entwickelt zum einem aus dem Bemühen der Autoren, ihre Werke dem Deutschen anzunähern (s. Katz 1979: § 4), zum andern aus ihrem Wunsch, ihre Bücher über ganz Aschkenas zu verbreiten. Gerade vom zweiten Ausgangspunkt her weiß man sicher, daß schon um 1540 — d. h. in den ersten Jahrzehnten der Ausbreitung des jüdischen Druckwesens, — eine westjiddische Standardsprache existiert hat, welche teils die Autoren, teils (wahrscheinlich mehr) die Verleger bewußt ,,neutralisiert'' haben, damit man die Werke nicht als unverständlich, ja sogar als in einem komischen Dialekt verfaßt, ansehen soll. Die westjiddische Standardsprache, deren Aufgabe es gewesen ist, die ältere jiddische Literatur weit zu verbreiten, ist zugleich aber für den heutigen jiddischen Philologen ein ganz schönes Stück Ärgernis. Wenn die Schriften im allgemeinen nicht die gesprochene Sprache abgespiegelt haben, warum bemüht man sich dann so sehr, sich mit dem abgestorbenen älteren Zweig des heutigen Jiddisch vertraut zu machen? Dafür gibt es aber eine Zahl von Erklärungen. Erstens haben sich eine Reihe nicht-literarischer Dokumente aufbewahrt, welche besser das gesprochene Westjiddisch abspiegeln, z. B. Privatbriefe (s. Ginsberg 1933; Birnbaum 1939), Aussage-Protokolle in Prozeßakten (Rubaschow 1929) und kriminologische Quellen (s. Katz 1981). Zweitens hat man zur Hand eine größere Zahl Wörterbücher und Fibeln auf Deutsch aus dem 18. Jahrhundert, welche sich der gesprochenen Sprache widmen (s. Katz 1986). Drittens existieren eine Anzahl Theaterstücke, verfaßt Ende des 18. bis Anfang des 19. Jahrhunderts, in welchen ganz unbekümmert das alltägliche Westjiddisch in all seinen volkstümlichen Anklängen benutzt wird. Eben diese Stücke wurden von Anhängern Mendelssohns Berliner Haskalahbewegung geschrieben, welche, wie jeder weiß, mit allen Mitteln dafür gekämpft hat, endlich den ,,miesen Jargon'' loszuwerden. Wie es aber so oft in der jüdischen Geschichte vorgekommen ist, hat sich auch hier das Blatt gewendet, wie bei Balaam — die Absicht, Jiddisch zu verspotten, hat uns wichtige, auf Jiddisch geschriebene Werke verschafft, welche die Umgangssprache eines ganzen Jahrhunderts der West-Aschkenasim für spätere Zeiten bewahrt haben. Die wichtigsten Haskalah-Komödien sind Isaac Euchels *Reb Henoch oder wos thut men dermit* (1792—1793; nachgedruckt bei S. Reisen 1930: 94—146), Aron Halle Wolfsohns *Leichtsinn und Frömmelei* (1796; nachgedruckt bei S. Reisen 1923: 37—68), und — *Esther, oder die belohnte Tugend.* Auf das Jiddisch des letztgenannten Haskalah-Stückes wollen wir nun näher eingehen. Geschrieben hat es der vielseitige Fürther Künstler und Kupferstecher, Zeichenlehrer und Kalligraph Josef Herz (1776—1828). *Esther* ist eine Haskalah-Komödie, die jedoch ihren Ursprung in der uralten Purimspiel Tradition hat. Der beabsichtigte Anachronismus, vor allem den lokalen westjiddischen Dialekt den Einwohnern vom ehemaligen Susa in den Mund zu legen, ist die beste Garantie, daß das Publikum vor Lachen zerplatzt.

Josef Herzens *Esther* ist zuerst 1828 in Fürth erschienen mit folgendem Titel: ,,Esther, oder die belohnte Tugend. Eine Posse, in vier Abschnitten, in jüdisch-deutscher Mundart. Von Josef Herz. Fürth. 1828. Gedruckt bei Mosche Zirndorfer. Mit eigenhändig gefertigten Schriften''. Zum zweiten Mal ist *Esther* erschienen 1854 mit fast dem selben Titel und dem Zusatz: ,,Nebst einigen noch nicht gedruckten Gedichten'', und in deutscher Schrift: ,,Zweite vermehrte Auflage''. Im Anhang findet man (S. 100—114) Herzens westjiddische Bearbeitung von Schillers ,,Das Lied von der Glocke'' unter dem Titel ,,Das Lied von der Mazzeh. Nach der Glocke v. Schiller''. Im Jahre 1871 kam *Esther* ein drittes Mal heraus, dieses Mal überraschend in deutscher Schrift und mit Anmerkungen für Leser, deren Kenntnisse des Westjiddischen schon hübsch nachgehinkt hatten. Auf dem Titelblatt steht: ,,Esther oder die belohnte Tugend. Eine Posse in vier Abschnitten. Nebst einigen Gedichten vermischten Inhalts in jüdischem Dialekt von Joseph Herz. Vom Hebräisch-Deutschen ins Deutsche übertragen und mit Anmerkungen versehen von J. Suhler''. Die zweite jiddische Ausgabe, Fürth, 1854, ist zu Forschungszwecken zweimal photomechanisch nachgedruckt worden — von Copeland in seiner Harvarder Dissertation (1951, als Anhang mit Seitennumerierung) und mit seiner eigenen lateinischen Transkription und mit einer ähnlichen Transkription ist die Ausgabe, Fürth 1854, wieder photomechanisch herausgebracht worden von Copeland und Süsskind (1976: 1—92). Die beste Transkription ist die von Suhler (1871), er hat die Sprache aus der Nähe gekannt. Über Herz und seine *Esther* haben u. a. geschrieben Löwenstein (1911: 111—112), Grunwald (1913), Reisen (1926: 870—872), Martin (1977), Shmeruk (1978: 167—169), E. Katz (1983) und Süß (1984—1986).

Josef Herz ist es zu verdanken, daß sich ein Schatz vom lebendig-sprudelndem Zentral-Westjiddisch bewahrt hat, wie es in Fürth Ende des 18. und in einem gewissen Maß in das 19. Jahrhundert hinein geredet worden ist. In Betrachtung zum heutigen Jiddisch ist das eine ganz exotische Art von Jiddisch. Aber wohlgemerkt — sobald man systematisch Herzens Jiddisch mit anderen jiddischen Dialekten vergleicht, sieht man bestätigt, daß die gegenseitigen Beziehungen miteinander im Einklang sind und daß man es hier mit einer nicht zu weit entfernten Verwandtschaft mit den mehr geläufigen jiddischen Formen zu tun hat.

Das erste und offensichtlichste Merkmal im Vokalismus von allen westjiddischen Dialekten ist das lange ā, was einmal mit dem mittelhochdeutschen ou korrespondiert (lāfn, kāfn; mhd. loufen, koufen), zum anderen mit dem mittelhochdeutschen ei (flās, klād; mhd. vleisch, kleid). In unserem östlichen Jiddisch sind doch die beiden in der Regel getrennt — Süd-Ostjiddisch loifn, koifn im Vergleich zu fleiš, kleid// Zentral-Ostjiddisch loifn, koifn im Vergleich zu flajš, klajd. Nur im Nord-Ostjiddischen besteht da zufällig eine Übereinstimmung mit dem ej — lejfn, kejfn ist gleich mit flejš, klejd. Gerade bei Herz finden wir die charakteristischen westjiddischen ā Vokale (Die Seitenangaben beziehen sich auf die Erstausgabe von 1828; jeweils unsere Unterstreichung). (Anm. d. Übers.: Die Beispiele werden in der Umschrift von Suhler gebracht.)

Liebe Mamsel! daas is ober ahner,
In hallem Olem gits gewihs sau kahner; (S. 81)

Nicht nur ,,einer'' und ,,keiner'' haben das ā, auch teilweise dort, wo das moderne Jiddisch im Süd-Ost- und Zentral-Ostjiddischen das u (oder ū) // im Nord-Ostjiddische das o (z. B. sogn, trogn) aufweist, steht das ā, d. h. die Korrespon-

denz vom ursprünglich kurzen mhd. a, im Gegensatz zum ursprünglichen langen mhd. â, was man durchgehend im Jiddischen findet, ist im Westjiddischen — ō, ou oder ū.

Dafür als Beispiel:

Sie arwet jau nebbich dihn ganzen Tag!
Dir is ober nor a Dorn in Ahg (S. 14)

Das ā in ,,Tag'' ist ein offensichtliches Merkmal der Süddialekte im Westjiddischen; mehr nach Norden zu, z. B. im holländischen Jiddisch, fällt der Vokal zusammen mit dem ursprünglichen langen Vokal, genau so wie im Ostjiddischen. Im Ostjiddischen sind die Entsprechungen vom ursprünglich langem mhd. a, was gelängt wurde, identisch.

Gerade diese Merkmale in den südlichen Varianten von Westjiddisch sind der jiddischen Dialektologie gut bekannt. Bei Josef Herz entdecken wir zahllose Beispiele für diese bekannten Dialektmerkmale. Dort, wo Zentral-Ostjiddisch und Süd-Ostjiddisch das u (oder ū) aufweisen, was mit dem litauischen o in Wörtern mit einem ursprünglich langen Vokal korrespondiert, hat Herz auch ū, gerade wie im ,,polnischen'' Jiddisch.

Beispiel:

Auf die Kepf stellen sie sich doch in ganz Schusch'n,
Ueber der Tochter ihr Gang und ihr — Lusch'n? (S. 13)

Der Reim zeigt eindeutig, daß das ū in ,,Schusch'n'' wie zufällig ū im Westjiddischen geblieben ist, wohingegen das bekannte lange ō in ,,loschen'' (in der Regel westjiddisch lōsn) mit ihm in ein ū zusammenfällt, daher — lūsn. Das gleiche ist mit den vorderen Vokalen passiert: Das lange westjiddische ē (in Wörtern wie ,,beged'', ,,degn'', wo im Süd-Ostjiddischen ej oder ī // im Zentral-Ostjiddischen ej // im Nord-Ostjiddischen ε steht) wird zu ī. Nur auf diese Weise läßt sich reimen ,,Jid'' (Westjiddisch jit) und ,,spät'' (in der Regel westjiddisch spēt, bei Herz aber — špit).

Achaschwerosch fraugt: waas tuß'tu drunten noch sau schpiht,
,,Ich bau nur a Galing fufzig Ihln hauch, for a Jid.''
(S. 78)

Von dem allen ist zu folgern, daß im Fürther Jiddisch die Wörter ,,chassn'', ,,koved'', ,,blosn'', ,,nodl'' etc. mit einem ū ausgesprochen wurden, genau so wie im modernen Zentral-Ostjiddischen (wir lassen hier außer Acht die Verkürzung von ū vor velaren und labialen Konsonanten — Birnbaumgesetz). Analog haben im Fürther Jiddisch ,,lebn'', ,,schpet'', ,,beged'', ,,chesed'' etc. ein langes ī, genau so, wie bei den Ostjuden in der Ukraine (,,wos redn oifn chirik''). Zufällig weisen beide Gebiete, eines im Osten, eines im Westen, teils gleichlautende Vokale auf.

Copeland und Süsskind (1976) sind in ihrem Kommentar, welcher den Nachdruck der zweiten Auflage (1854) von Herzens Schauspiel begleitet, der Meinung, daß gerade diese und eine Reihe andere exotische Merkmale im Jiddisch von Herz absichtliche Verdrehungen von Westjiddisch sind, die der Verfasser eines Gaudieffektes wegen ausgeführt hat (z.B. Ss. IX, X, 109, 114, 116, 127, 133, 196). Copeland und Süsskind kommt unser aller Dank zu allein schon für den Nachdruck, wodurch doch viel Interesse an der Haskalah-Komödie geweckt wurde und für ihre zahlreichen, gewissenhaften Anmerkungen. Mit ihrer Auffassung von Westjiddisch allgemein (Ss. X, 101) und von Herzens Jiddisch besonders (S. 109) sind wir aber prinzipiell nicht einverstanden. Auf die zweite Sache wollen wir deshalb kurz eingehen. Natürlich hat der volkstümliche Dialekt, der vielleicht früher nicht aufgeschrieben wurde, beim Publikum Gelächter hervorgerufen, besonders, wenn er außerhalb seines normalen Kontext verwendet wird — auf der Bühne das alte Persien vorzustellen. Zudem ist jede Sprache, die nur mehr selten gesprochen wird (z. B. Westjiddisch im 19. Jahrh.) Grund genug, Gelächter zu erzeugen (wegen Westjiddisch in dieser Beziehung, s. U. Weinreich 1964: 251). Eine solche Art Sprachhumor dürfte auch weit davon entfernt sein, laufend neue Vokale zu ersinnen, wie es Copeland und Süsskind annehmen. Wie soll man aber dann die Sache angehen? Auf verschiedenen Wegen, als da sind:

Erstens muß man das Wesen der Merkmale, die zweifelhaft erscheinen, näher untersuchen, ob sie echt sind, oder ausgedacht. Den Philologen ist geläufig, daß Änderungen in einem Vokalsystem zur Symmetrie neigen — jegliche Änderung (Hebung, Senkung, Monophthongierung, oder Diphthongierung) verläuft in der Regel parallel, bei den vorderen, wie bei den hinteren Vokalen. Die Lautverschiebungen, welche grundlos vom Westjiddisch zum Jiddisch von Herz zu verlaufen scheinen, sind streng symmetrisch. Sie bilden eine Folge von Änderungen, die aber im Zentral-Westjiddischen nicht mehr auftreten. Dort wurden die alten Diphthonge bekanntlich monographiert (ej wurde zu ē in Wörtern wie ,,beheme'', während ou zu ō wurde in Wörtern wie ,,schomer''). Die Serien der alten langen Vokale ē und ō haben einen Zusammenfall vermieden. Sie haben sich gehoben nach ī und ū. Die symmetrische Entwicklung wird in der folgenden Tabelle dargestellt (s. jidd. Text). Gelinde ausgedrückt, ist es schwer einzusehen, daß der Kupferstecher (Herz) zu Beginn des 19. Jahrhunderts Laute zusammenphantasiert haben soll, deren Verschiebung Gesetzmäßigkeiten unterliegen, die erst hundert Jahre später wissenschaftlich erkannt wurden.

Zu dieser theoretischen Absegnung der Echtheit des Fürther jiddischen Vokalismus stehen noch andere methodische Hilfsmittel zur Verfügung, mit welchen der jiddische Philologe zu Rate gehen kann. Treten eventuell die kontroversen Merkmale noch wo anders auf, d. h. bekommt man etwa von wo anders her Einsicht in Herzens Vokalismus? Die Antwort ist ein tausendfaches Ja.

Die Verwendung von ī an Stelle von ē im Zentral-Westjiddisch wird geradezu als jiddische Besonderheit angeführt von Chrysander (1750: 4) und von Reizenstein (1764: 218). Das Auftreten von ī statt ē und von ū statt ō wird massenweis dokumentiert durch den Schund-Schreiber Itzik Feitel Stern. Z. B. ,,giegen'' für ,,gegen'' (1833a: 105), ,,spiet'' für ,,spät'' (1833b: 27), ,,Barnuse'' für ,,Barnose'' (1833a: 124), ,,Chusen'' für ,,Chosen'' (1833b: 112). Außer diesem bestehen noch örtliche Parallelen im deutschen Dialekt in der Fürther Gegend (s. Süß, 1984: 17).

Aber nicht nur die Phonetik des einstigen Fürther Jiddisch ist eine Fundgrube für die jiddische Sprachwissenschaft. Herzens Sprache sprudelt immer noch aus den Tiefen des ehedem lebendigen Volkslebens in West-Aschkenas. Eine erschöpfende Analyse würde alle Gebiete der historischen jiddischen Linguistik bereichern — Morphologie, Syntax, Etymologie, Lexikon usw. Hier nur ganz gedrängt folgendes: Metanalyse von n im unbestimmten Artel, im Ostjiddischen z. B. agit núvnt / agut nóvnt (einen guten Abend) wird bei Herz konsequent durchgeführt, zumindest als ein phonemisches Prinzip bei der Silbentrennung, z. B. ,,ahn nAhgnblick (einen Augenblick) (S. 19), ,,a nalter'' (ein alter) (Ss. 61, 83), ,,a nAffezier'' (ein Offizier) (S. 37), ,,Wellt Ihr aus mir machen a n'englischen Reiter?'' (S. 64). Das Diminutivsystem bei Herz erfordert auch eine Sonderstudie. Hier müssen wir uns mit ein paar Beispielen begnügen. ,,Briderle'' (S. 50), ,,chajesle'' (S. 67), ,,chuzefle'' (S. 40), ,,Madle'' (S.

47), ,,punim'lich'' (S. 36), ,,tachschetle'' (S. 78). Interessant ist auch die automatisch-organische Angleichung von Fremdwörtern an das Jiddische, z. B. ,,Biblitihken'' (Bibliotheken, mit langen ī) (S. 22), ,,franzesch'' (französisch) (S. 49). Das wichtigste von allem ist aber die Hypothese über die Ähnlichkeit unseres modernen Ostjiddisch mit dem einstigen alltäglichen Westjiddisch, wozu uns Herz weit die Türen öffnet. Gerade diese Ähnlichkeiten, genaue, oder strukturelle, weisen eindeutig auf die nahe Verwandtschaft aller Arten von Jiddisch in ganz Aschkenas hin. Ein Beweis dafür, daß ein großer Teil von allen jiddischen Dialekten genetisch direkt aus dem ältesten, tausendjährigen Jiddisch von Alt-Aschkenas herstammt. In dem Schatz volkstümlicher Ausdrücke findet man — wieder nur wenige Beispiele — ,,bleibt mit ober Koscheh'' (S. 60), ,,Grobiahn'' (S. 68), ,,Chuzpeh-Liedlich'' (S. 25), ,,Chen-Grihble'' (S. 59), ,,Chanukah-Eisen'' (Chanukah-Leuchter) (S. 91), ,,Jomtof-tig'' (S. 38). Die Reihe Wörter, die ein großes Durcheinander schildern, ,,Das wart sein a Geplapper! a G'schnatter! a Geblauter! a Getatter! a Gelaaf! a Gewimmel! a Gelarme! a Getimmel! (S. 7) erinnern stark an die ostjiddischen Wendungen, welche Scholom-Aleichem so talentiert hingeworfen hat.

Über den literarischen Wert von Herzens *Esther* gibt es bekanntlich verschiedene Meinungen. Copeland und Süsskind halten Herz für ein ,,literarisches Genie'' (1976: IX), während Joffe (1954: 113) sich weniger enthusiastisch ausdrückt. Sicher wie Gold ist es aber, daß Herzens Jiddisch ein gewaltiger Schatz ist. Richtig schreibt Salman Reisen (1926: 871 — 872), daß die *Esther* ist ,,ein Denkmal von dem baierischen (!) Jiddisch, speziell von Fürth, der dortigen altehrwürdigen Kehille mit ihrem spezifischen Dialekt, welchen Herz so getreu überliefert.''

Es ist mir ein Vergnügen herzlichen Dank zu sagen Hermann Süß (Fürstenfeldbruck bei München) und Ruben Rosenfeld (Zürich) erstens für die Einladung zu einem Beitrag in den Fürther ,,Nachrichten'' und zweitens für ihre wiederholte Freundlichkeit und Großherzigkeit mir Fotokopien von einem gar großen Teil des benutzten Materials zu besorgen. Kalman Hutton (Austin, Texas) hat keine Mühe gescheut, für mich Materialien in New York für diesen Artikel zu fotokopieren. Allen drei Freunden und Kollegen ein ,,Jascher-Koijech''!

## AUFRUF

Um unsere Studien der hebräischen Bibliographie im Nordbayerischen Raum (Fürth, Wilhermsdorf, Sulzbach und Nürnberg) fortzuführen, suchen wir dringendst weitere Unterlagen wie **Hebraica, Judaica, Bücher,** die in den oben genannten Orten gedruckt wurden, oder die auf Pergament geschrieben wurden, usw.

Auch sind wir für weitere Hinweise, die im Zusammenhang der hebräischen Bibliographie stehen, dankbar.

**Dr. Mosche Rosenfeld**
83 Darenth Road
London N16 6EB
England

**Ruben Rosenfeld**
Schweighofstraße 270
CH-8055 Zürich
Schweiz